# די מעשה מיט דער וועלט

— איך באפעל מען זאל איינגעמען די וועלט,
האט דער קיניק געזאגט.
איז דאס לאנד געוואר געווארן דערפון,
האט די מאמע איר לעבעדיקן זון
ווי אן אמת'ן טויטן באקלאגט.
אבער דאס אקעראייזן אין פעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האמער,
און די מויז אין קאמער
האבן שטילערהייט געלאכט
ווען מען האט זיי די בשורה געבראכט —
די דאזיקע פינסטערע בשורה.

איצט האט מען שוין איינגענומען די וועלט.
וואס זאל מען טון מיט איר?
זי קאן נישט אריין אין דעם קיניק'ס שלאס.
מע האט פארגעסן צו נעמען א מאס
פון דער וועלט — ווען מע האט געמאכט די טיר.
אבער דאס אקעראייזן אין פעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האמער,
און די מויז אין קאמער,
קייקלען זיך פאר געלעכטער שוין.
סע ציטערט אזש בא דעם קיניק די קרוין
פון זייער פארשייט געלעכטער.

די הויפלייט מיינען, די וועלט זאָל דערווייל
אַ באַוואַכטע אין דרויסן שטיין.
נאָר דער קיניק איז ווי דער טויט אַזוי בלאַס.
ער האָט מורא די וועלט קאָן נאָך ווערן נאַס
ווען סע וועט אַ רעגן גיין.
אָבער דאָס אַקעראַייזן אין פעלד,
און די זויל אונטער'ן שוסטער'ס האַמער,
און די מויז אין קאַמער,
לאַכן אַזוי, אַז סע איז שוין אַ שרעק.
זיי שטאַרבן שיער פאַר געלעכטער אַוועק,
וואָס די וועלט שטייט נאָך אַלץ אין דרויסן.

